המדור לתיעוד בעל-פה

(12)104

סרט מס' 653

5.4.1965

מרואיין: שמואל וחסיה קובנוביץ

מראיין: דב לוין

נושא: יהודים בצבא הסובייטי

ש: הער קאוונאוויטש, איר זייט א ליטווישער פון שטעטל מראשקון. וואס האט איר געטאן ווען עס האט אויסגעבראכן די קריג, איר און אייערע שטעטלשע?

ת: מען האט געקלערט ארויסגיין, ניט ארויסגיין. אנדערע האבן געהאלטן, אז דער טייוול איז ניט אזוי שרעקלעך ווי מען מאלט אים. איך ווייס, אז עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבן דורכגעלעבט די ערשטע וועלט-קריג.

ש: די דייטשע אקופאציע?

ת: מיט די דייטשן. מען האט געמיינט, אז ווי עס איז וועט מען אפשר קענען עקזיסטירן. וועגן אן אלגעמיינער פארניכטונג האט מען בכלל זיך ניט פארגעשטעלט.

ש: ווי האט איר פארט באשלאסן צו לויפן?

ת: איך בין פון פאך א פריזיער.

ש: א פאריקמאכער.

ת: א קירפייאס, הייסט עס אויף ליטוויש. איך פלעג הערן. איך האב אלעמאל געהאט א נאסור זיך צוצוהערן וואס מענטשן רעדן. איך האב געהערט בכלל, אז די שטימונג ביי דער ליטווישער באפעלקערונג - מען פלעגט דאך אריינגיין ביי מיר זיך שערן אין שטעטל - איז געווען א שרעקלעכע.

ש: איר האט געהאט א גרויסע ליטווישע קונדשאפט?

ת: יע, מערסטנטייל ליטווישע.

נאך פארדעם, איידער די קריג האט נאך אויסגעבראכן, פלעגן אריינגיין אזעלכע פון דער ליטווישער ארמיי, פון די אפיצערן. דאס איז נאך געווען אין ווינטער פון 41-סטן יאר און מען האט גערעדט בכלל. דאס איז שוין געווען נאך די דייטש-פוילישע קריג און היטלער איז

בעבאנגען פון איין מלוכה צו דער צווייטער און צוגענומען. איך חאב געהערט ווי עס האט געזאגט איינער א ליטווישער אפיצער: - וואס מיינסטו? - אז אזוי וועט דאס בלייבן? דאן איז געווען די סאוויעטן-מאכט. די רויטע ארמיי איז אריין אין 40-טן יאר. זאגט ער: - דו מיינסט, אז אזוי וועט שוין דאס זיין? בכלל האבן די דייטשן געהאלטן דעם באלטיקום פאר זייער א קאלאניע. - און דו וועסט נאך זען - זאגט ער - וואס עס וועט זיך טאן אין פרילינג.

ש: ווער איז ער געווען?

ת: א געוועזענער אפיצער פון דער ליטווישער ארמיי.

ש: ער איז געווען א ציווילער?

ת: יא. עס איז געווען די ליטווישע ארמיי, אבער אריינגעגלידערט שוין אין דער סאוויעטישער ארמיי. איך האב פארשטאנען, נים אזויפיל מיטן שכל ווי מיטן געפיל. איך האב געפילט, אז דא טויג נישט - מען דארף זען צו לויפן.

נאכמער, עס איז געווען א געשיכטע עטלעכע טעג פארן אנפאנג פון קריג. מען האט ארויסגעפירט געוועזענע קאפיטאליסטן, אזעלכע וואס האבן געהערט צו די רעכטע ליטווישע ארגאניזאציעס: שאוליסטן; "פא-וואסעריניקיי", איז געווען א יוגנט-ארגאניזאציע; "יאונאיע ליע-טווא". צווישן די קאפיטאליסטן זיינען אויך געווען יידן.

ש: פון טראשקון אויך?

ת: פון טראשקון אויך, יע.

ש: וויפל, למשל, האט מען ארויסגעפירט יידן פון טראשקון?

ת: יידן זיינען געווען ווייניק, עפעס א 2 משפחות.

ש: 2 משפחות?

ת: יע.

ש: ווער זיינען זיי געווען, קאפיטאליסטן אדער ציוניסטן?

ת: זיי זיינען ביידע זאכן נים געווען - קען מען זאגן - נאר מען האט בעהאלטן, אז זיי זיינען געוועזענע ציוניסטן.

דעמאלט איז געווען איינער אויך אריין ביי מיר אין פאריקמאכערסקע

און איך האב אים געפרעגט: - וואס טוט איר דא? ער איז געווען דווקא א ייד און ער האט זיך ערלויבט אפילו צו רעדן יידיש מיט מיר. זאג איך: - וואס טוט איר דא? וואס איז אייער אויפגאבע? זאגט ער: - מיר זיינען געקומען ארויספירן די גנבים. זאג איך: - וואס הייסט איר פירט זיי ארויס? נו, און וואס וועט זיין מיט אונדז, מיר וועלן דא בלייבן? זאגט ער: - ס'איז ניטא ווו צו גיין, מען דארף אויף אן ארט קעמפן! דא בלייבן, אין ליסע, און אויף אן ארט קעמפן.

ש: ער איז געווען א וואיעננער?

ת: יע, פון נ. ק. וו. ד.

ש: ד. ה., אז ער האט אייך געגעבן א סימן, אז עס וועט זיין קריג?

ת: יע.

און אויף מיר קוקנדיק זיינען נאך אייניקע אוועק, זיי זיינען איצט דא. ס'איז געווען אזוי: קראסאווסקי, זיינע א סאכטער, זי לעבט איצט אין קאוונע; דערנאך איז געווען בערל גלעזער; חיימא-ווישש איז געווען א ברודער מיט א שוועסטער; דערנאך איז געווען די פאמיליע לוריע. מיר אלע זיינען ארויסגעגאנגען פון שטעטל.

ש: אזוי ווייניק, אינגאנצן א 5 - 6 מענטשן?

ת: אינגאנצן.

ש: פון די גאנצע שטעטל?

ת: פון די גאנצע שטעטל.

ש: און ווו איז די גאנצע יוגנט פון שטעטל?

ת: אנדערע זיינען אוועק אין וואלד און דערנאך אומגעקומען.

ש: וויאזוי?

ת: זיי האבן זיך משום ניט געקענט אויפהאלטן, ווייל ס'איז דארטן ניט געווען קיין פארטיזאנער-באוועגונג און זיי האבן זיך ניט בעהאט ווו אהינצוטאן. אז מען פלעגט זיי גאר דערזען, פלעגט מען גלייך מעלדן און די דייטשן פלעגן באפאלן.

ש: דאס האט איר געהערט שפעטער?

ת: דאס האב איך געהערט קומענדיק צוריק.

ש: אין 1946-סטן יאר?

ת: יע, אין 46-סטן יאר.

ש: זיי האבן זיך געוואלגערט אין די וועלדער א סך צייט?

ת: ניט קיין סך צייט.

ש: וואכן אדער מאנאטן?

ת: מען קען זאגן, אז איינציקע וואכן, מער ניט. ס'איז געווען א סך וואס זיי האבן געהאט זייערע באקאנטע פויערים און זיי האבן גע-האלטן, אז אפשר וועט זיין זיכערער אין די דערפער. זיי זיינען אוועקגעגאנגען דארטן מיט די גאנצע משפחות, נאר ס'איז געווען א באפעל, אז ווו נאר מען וועט געפינען א יידן, איז פאראנטווארטלעך דער וואס וועט אים אויסבאהאלטן און צוזאמען מיט די יידן וועלן זיי אומגעבראכט ווערן.

ש: דאס אלץ האט איר געהערט שפעטער?

ת: דאס אלץ האב איך געהערט שפעטער.

ש: פון וועמען?

ת: פון די ליטווינער גופא.

ש: פון די גויים?

ת: יע.

ש: יידן האט איר שוין קיינעם ניט געפונען?

ת: אין טראשקון איז געווען יידן-ריין, קיין איין ייד איז ניט געווען.

ש: פון די יידן וואס זיינען געלאפן מיט אייך, וואס איז געווארן מיט זיי?

ת: וואס איז געווארן מיט זיי?

ש: וואס איר האט פריער אויסגערעכנט די נעמען?

ת: ס'איז געווען יונגעלעכע טעלעכע: פעלזנער משה-פייוועקע - ער איז געווען א יונגער און אויך איז ער געווען אין דער ליטווישער די-וויזיע; דערנאך איז געווען, הענאכקע האט מען אים גערופן, הענאכ-קע זאוולס. ער איז געווען א דעסאנט, אזוי האט מען מיר דערציילט, ער איז אומגעקומען. מען האט אים געהאט אראפגעווארפן מיט אן ערא-פלאן, א דעסאנטניק, נאר ער איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די

דייטשן.

ש: ווו האט מען אים אראפגעווארפן?

ת: אין ליפע. בשעת ליפע איז שוין געווען פארנומען.

ש: זאוולס, דאס איז זיין פאמיליע, אדער זיין פאטער האט אזוי געהייסן?

ת: זיין פאטער האט אזוי געהייסן.

ש: די פאמיליע זיינע געדענקט איר נים?

ת: איך געדענק נים.

ש: הענאך?

ת: הענאך, יע.

ש: מען האט זיי געגעבן ליטווישע צונעמען.

ת: קען זיין.

ש: איך האב א סך נעמען פון דעסאנטן, אבער הענאך האב איך ניט געהערט. ס'איז דא אייבער, הענאך זימאן – זימאנאס.

ת: זימאנאס איז דער רעדאקטאר.

ש: ער הייסט אויך הענאך.

ת: ער איז דאך איצט אין ווילנע.

ש: יע, אבער ער איז דאך פון מאריאמפאלער קאנטן.

ת: יע, ער איז פון מאריאמפאל.

ש: דאס ווייסט איר זיכער, אז דעם הענאך זאוולס האט מען אראפגעווארפן?

ת: יע, דאס ווייס איך זיכער. מיט וועמען איך בין ארויס פון דערהיים: לוריע און דער צווייטער איז בעווען פון קאלווארייע און זיין פאמיליע נאמען איז אבערט.

ש: אבערט, יע.

ת: זיי זיינען ביידע געווען מאביליזירט אין דער ליטווישער דיוויזיע, אין 43–סטן יאר, שפעטער, נאר זיי זיינען ביידע אומגעקומען. דאס האט מיר איבערגעגעבן זיינער א שטעטלשער – דעם קאלווארייערס.

ש: אבערטס א שטעטלשער?

ת: יע, אויך פון קאלווארייע.

ש: ווו איז ער אנגעקומען אין אריאל, אין די קאמפן דארטן?

ת: נאכמער, זיי זיינען דערגאנגען ביז מזרח פרייסן.

ש: שפעטער איז ער אנגעקומען?

ת: שפעטער.

ש: און דער נאמען וואס איר האט מיר געזאגט פריער?

ת: לוריע?

ש: ניט לוריע, נאך פאר לוריע?

ת: (חסיה) ברל בלעזער איז אין ווילנע.

ש: ניין, נאך פאר בערל גלעזער.

ת: פערזשנער?

ש: יע.

ת: פערזשנער איז אויך געווען אין דער ליטווישער דיוויזיע.

ש: ער איז אויך אומגעקומען?

ת: בשעת די ליטווישע דיוויזיע איז אריינגעטראטן אין קאמף, איז ער דארטן אומגעקומען. אויך מיינער א חבר קאנקזראוויטש איציק איז געווען אין דער ליטווישער דיוויזיע.

ש: פונוואנען איז ער?

ת: ער איז אויך א טראשקונער.

ש: אויך א טראשקונער?

ת: יע.

ש: ער איז געלאפן צוזאמען מיט אייך?

ת: ער איז געווען אין קאוונע.

ש: פון קאוונע איז ער געלאפן?

ת: פון קאוונע איז ער געלאפן. דערנאך איז פאראן טוועך אין ווילנע.

ש: ער לעבט?

ת: יע.

ש: נאך נעמען וואס איר געדענקט פון טראשקונער וואס האבן געקעמפט?

ת: וואס האבן געקעמפט אין דער ליטווישער דיוויזיע?

ש: אדער אין אנדערע ערטער, אין אנדערע טיילן פון דער סאוויעטישער ארמיי?

ש: אין אנדערע טיילן פון דער סאוויעטישער ארמיי?...

ת: דערמאנט איר זיך איצט ניט?

ת: ניין.

ש: אדער אין די ראבאטשע באטאליאנען?

ת: דער גלעזער, וואס איך האב אייך געזאגט, איז אויך געווען אין ראבאטשי באטאליאן.

ש: בערל גלעזער?

ת: יע. ער איז געווען אין סיביר.

ש: פארוואס איז ער געווען אין סיביר?

ת: ער איז דארטן אוועקגעפארן. בשעת מען איז ארויס, איז ווו ווער, וועמענס מזל פשוט איז געווען, מען איז פארווארפן געווארן.

ש: דער צווייטער טייל פון די יונגנס פון טראשקון וואס איז געווען מאבילידירט אין ארמיי אין 40-טען יאר, וואס איז געווארן מיט זיי - ווייסט איר אפשר?

ת: וועלכער איז דאס - דער צווייטער טייל?

ש: דער טייל וואס איז ניט געבליבן אין שטעטל.

ת: וואס איז ניט געבליבן?

ש: וואס מען האט גענומען אין דער ליטווישער ארמיי, וועלכע איז שוין געווען איינגעגלידערט אין דער סאוויעטישער ארמיי. מען האט גענומען דאן עטלעכע חברה, ווייסט איר. איר געדענקט זייערע נעמען?

ת: נעמען פון אזעלכע?

ש: עס האט דעמאלט געהייסן "דער ליטווישער קארפוס", וואס מען האט זיי אוועקגעפירט ביז סמאלענסק.

ת: ניט די ליטווישע דיוויזיע?

ש: ניין, ניין.

ת: פאר דער ליטווישער דיוויזיע?

ש: יע.

ת: וואס איז איינגעגלידערט געווארן אין די רוסישע?

ש: יע, יע. געדענקט איר?

ת: ווייסט אויס, אז דער וואס איך האב אייך געזאגט וועגן אים, הענאכקע זאבולס. זיי זיינען טאקע געווען אין אט דעם-א ליטווישן קארפוס. חוץ אים ווייס איך ניט, צי עס איז געווען ווער עס איז.

ש: אויב איר שרייבט זיך מיט דעם גלעזערן, קענט איר בעטן זיין נאמען, אויב ער ווייס זיין פאמיליע דעם הענאבקע זאוולס, אפשר דארטן איז פארשריבן.

ת: איך וועל זיך אפשר אליין אויך דערמאנען.

ש: אויב איר וועט זיך דערמאנען, וועט איר דאס נאך קענען צושרייבן, איר וועט דאך וויסן אונדזער אדרעס.

ת: איך וועל קענען צושרייבן, יע.

ש: ווי האט פאסירט מיט אייך? איר האט אנגעהויבן לויפן מיטוואך בכלל.

ת: מיטוואך.

ש: מיטוואך, דעם 25-סטן יוני 1941.

ת: מיר זיינען ארויס שפעט, עס איז שוין געווען פארנומען. נאר עס זיינען נאך געווען טיילן פון דער סאוויעטישער ארמיי וואס זיי- נען אפגעטראטן פון פראנס, אזעלכע וואס זיינען שוין געווען פשוט אנטלאפן פון פראנס, ווייל עס איז שוין געווען צעקלאפט דער גאנ- צער פראנט. איך בין מיט זיי דורכגעגאנגען פון שוויענציאן. ביז שוויענציאן זיינען מיר צוגעגאנגען צופוס.

ש: שוויענציאן איז נאענט צו אייך?

ת: ס'איז נישט גאר נאענט אויך.

ש: 40 קילאמעטער.

ת: מערער. ווי ווייט קען זיין שוויענציאן פון מאראשקון?

ש: איך האב א מאפע, איך וועל דאס קענען זען.

ת: פון מאראשקון ביז שוויענציאן איז א שטיק וועג, א 70 - 80 ק"מ.

ש: קען זיין.

ת: מיר זיינען דערגאנגען און דארטן האט מען געזאגט, אז די וועג איז זייער געפערלעך, ווייל עס זיינען דא פון די ליטווישע בע- וועזענע שאוליסטן וואס זיי לאזן קיינעם נים דורך, איבערהויפט יידן לאזן זיי נים דורך קיינעם, די וואס ווילן ארויסגיין. דווקא אויף אונדזער מזל איז דורכגעגאנגען אן אפטיילונג פון די צעקלאפטע. פשוט בארוועסע, אן היטלען, אן געווער, איינער פון

10 האט אפשר געהאט א ביקס. איך האב זיי געבעטן, אפשר קען איך מיט זיי מיטגיין, אין נאמען פון אלע חברה.

ש: אייער ברומקעלע.

ת: איך בין צוגעגאנגען, ווייל איך האב געקענט רוסיש.

ש: אין נאמען פון די 5 – 6 מענטשן?

ת: יע. צי מען קען מיט זיי מיטהאלטן דעם וועג ווייטער. זאגט ער: – פאזשאלעסטא, מאזשעטיע ס נאמי פראדאלזשאט פוט. אט אזוי זיינען מיר דורכגעגאנגען דארטן יענע קאנטן: היידוסשיטאק, מאסטאוו, דאל- היגאוו זיינען מיר אויך דורכגעגאנגען. עס זיינען געווען אפילו אייניקע ערטער וואס מען איז שוין נים בעגאנגען גלייך. דער קא- מאנדיר פלעגט פריער ארויסשיקן א ראזוויעטקע, זען צי עס איז דארטן נימא קיין דעסאנטן. די דייטשן זיינען בעגאנגען מיט דעסאנטן, זיי פלעגן אראפווארפן דעסאנטן און עס זיינען געווען ערטער וואס פריער איז נאך נים געווען פארנומען און ווייטער איז שוין געווען פאר- נומען דורך די דייטשן. ס'איז געווען אזעלכע פאלן, וואס פון די ליטווינער גופא האבן געשאסן; ס'איז געווען אפילו ליטווישע סאל- דאטן, ווייל בשעת די קריג האט זיך אנגעפאנגען האט מען טיילן פון די ליטווישע ארמיי געגומען ווייטער פון פראנט, כדי זיי זאלן זיך נים איבערגעבן די דייטשן.

ש: דאס איז דער קארפוס פון וועלכן מיר האבן פריער גערעדט.

ת: יע. עס זיינען געווען אזעלכע ליטווישע סאלדאטן וואס האבן זיך משום אפגעגנבעט פון זייער טייל, פון זייער מטאסט, און זיי זיי- נען געבליבן. זיי פלעגן פשוט פון הינטער וואס נים איז, א בוים, צי פון א שטוב, שיסן אויף די וואס זיי טרעטן אפ. אט אזוי זיי- נען מיר בעגאנגען בארוועס און נאקעט און הונגעריק ביז פאלאצק.

ש: ווי זייט איר דורך דעם גרענעץ? מען האט אייך געלאזן דורכגיין?

ת: מען האט נים געלאזן – דאס איז דאס. מיר זיינען געווען דריי טעג אין א וואלד אויפן גרענעץ און מען האט נים געלאזן דורכגיין. אויפן דריטן טאג, בין איך מיט דעם לוריען – וואס איך האב אייך געזאגט – און מיט דעם קאלווארייער, אבערט, זיינען מיר ארויס זען

עפעס וואס ניט איז צום עסן, ווייל מיר האבן קיין זאך ניט געהאט מיטגענומען מיט זיך און מיר זיינען אויסגעגאנגען פשוט פון הונגער. מיר זיינען ארויס צו: די דערבייאיקע פויערים צו קריגן וואס ניט איז צום עסן. אינדעם האבן מיר געהערט ווי עס זיינען אנגעפליגן עראפלאנען און מען האט באמבארדירט דעם געגנט דארטן.

ש: ווי זייט איר דורך?

ת: מיר זיינען געגאנגען אט אזוי, פשוט, און מיר האבן זיך ווי עס איז דורכגעכאפט. מען האט אונדז ניט געוואלט דורכלאזן, אבער...

ש: וואס האט מען אייך געזאגט?

ת: זיי האבן געזאגט, אז דא איז דער גרענעץ און "איר זייט נאך ניט קיין סאוויעטישע בירגער, קערט זיך אום". מיר האבן געזאגט: - שיסט איר אונדז בעסער איידער מיר זאלן דערשאסן ווערן פון די באנדיטן. זיי האבן אונדז דורכגעלאזן און געזאגט: - גייט אזוי און אזוי. זיי האבן אנגעוויזן, כדי מיר זאלן ניט ארויפגיין אויף וואסערע עס איז פאסטנס.

ש: איר האט געזאגט פריער, אז איר זייט אנגעקומען ביז פאלאצק.

ת: יע.

ש: ביז פאלאצק זייט איר געגאנגען צופוס?

ת: אלץ צופוס.

ש: און פון פאלאצק?

ת: פון פאלאצק אויך צופוס ביז וויטעבסק. ווען מיר זיינען אריין אין פאלאצק זיינען נאך די דייטשן נאך ניט געווען. מיר זיינען געגאנגען עולם ווו איבערצושלאפן, עס איז שוין געווען פארנאכט. זיי האבן אונדז אנגעוויזן אן ארט " דאס קראסנאווא קאלכאזא". נאכדעם איז אייגע אריין און געפרעגט, אפשר האבן מיר וואס ניט איז צו געבן אויסטואשן. שמוציק זיינען מיר געווען, די לעצטע העמד איז געווען שווארץ ווי די ערד, האבן מיר איר אוועקגעגעבן די אונטערוועש. 2 אזייגער אינדערפרי, א שאר אויף טאג - ווי מען זאגט - עס האט זיך אנגעהויבן א באמבארדירונג. מיר זיינען ארויסבעלאפן אין הויף און דארטן ניט ווייט זיך אוועקגעלייגט, לויט

די אינסטרוקציעס, אז מען דארף זיך אוועקלייגן בשעת עס גייט א באמבארדירונג, אויב עס איז ניטא קיין בעסערער ארט איז כאטש ליגן. ניט ווייט האט דערלאנגט א באמבע און עס האט אונדז פארשאטן מיט ערד. ס'איז געווען עטלעכע און צוואנציק מעסערשמידטן. ווען עס איז אריבער, זיינען מיר שוין אפילו ניט געווען אריין אין דעם ארט, ווייל עס האט געברענט. מיר האבן ארויסגעכאפט אויף זיך די לעצטע בגדים וואס זיינען אונדז געבליבן און מיר זיינען אוועק. מיר זיינען געגאנגען דורכן שטאט און עס זיינען געלאפן פארווונדעטע סאלדאטן, אנדערע זיינען געלעגן געהרגעטע.

מיר זיינען אריין אין א געשעפט, פארבייגייענדיק, איז קיינער ניט געווען. א געשעפט וואס איז געבליבן גאנץ, וואס איז ניט געווען צעבאמבארדירט. מיר האבן גענומען צו לעבלעך ברויט און מיר זיינען ארויסגעגאנגען פון שטאט.

ש: ווען האט מען אייך מאביליזירט?

ת: אין אנפאנג 42-סטן יאר.

ש: ביז דאן ווו זייט איר געווען? אין וועלכע ערטער?

ת: מיר זיינען אזוי צוגעגאנגען צופוס ביז וויטעבסק. דערנאך איז געווען אן עשאלאן פון די עוואקואירטע, יידן וואס האבן זיך עוואקואירט. דאס איז געווען א "פאבריקא אימיעני פראפינטערנא", שניידער.

ש: פון וועלכע שטאט?

ת: פון וויטעבסק. מיר זיינען מיט דעם עשאלאן מיטגעפארן.

ש: ביז וואנען?

ת: ס'איז געווען אן "עוואקא-פונקט", ווו דארטן פלעגט מען געבן יעדערן א נאזנאטשעניע ווו ער זאל פארן. אזוי זיינען מיר געפארן ביז דעם "עוואקא-פונקט" און דארטן האט מען אונדז געגעבן אויסצוקלייבן, אדער טשקאלאוו, אדער טשעלאבינסק.

ש: אויף אוראל?

ת: יע, מערסטנטייל אויף אוראל. מיר האבן אליין ניט געוווסט וואס און מיר האבן געבעטן טשקאלאוו. ניט דערפארנדיק צו טשקאלאוו, אויף דער סטאנציע בוזשולוק זיינען מיר געזעסן. ניט אין וואגאן, ווייל

דער וואגאן איז געווען פארנומען פון די וואס האבן זיך עוואקואירט. מיר פלעגן אלץ ליגן אויף די פלאטפארמעס, לעבן וואגאן. דארטן ווי-נען מיר געזעסן אין אוונט און גערעדט צווישן זיך יידיש. איינער פון נ. ק. וו. ד. דארטן האט זיך אים אויסגעדוכט ווייס ווער מיר זיינען, עס האט זיך אים אויסגעדוכט, אז מיר רעדן דייטש. ער האט געזאגט, אז מיר זאלן מיטגיין מיט אים.

ש: ווו איז דאס געווען?

ת: דאס איז געווען א סטאנציע בוזשולוק.

ש: דאס איז נאך ווייט פון טשקאלאוו?

ת: דאס איז שוין טשקאלאווער אבלאסט.

ש: איך וועל אייך זאגן: די זאכן האט פאסירט כמעט יעדן איינעם, זיי האבן געמיינט אז מען רעדט דייטש.
ווי לאנג זייט איר געווען ארעסטירט?

ת: איך בין געווען ארעסטירט א מעת-לעת.

ש: ווו האט איר זיך בכל זאת באזעצט?

ת: מען האט געזאגט: - וואס דארפט איר פארן אין טשקאלאוו? דא זיי-נען דא גוטע קאלכאזן, מיר וועלן אייך שיקן אין קאלכאז.

ש: ווער האט געזאגט?

ת: דער נאטשאלניק פון נ. ק. וו. ד. מיר האבן נאך געהאט ליטווישע פעסער ביי זיך, ער האט דורכגעקוקט אונדזערע דאקומענטן און ער האט בכלל...

ש: ניט געקענט לייענען?

ת: ער האט ניט געקענט לייענען, נאר פונדעסטוועגן האט ער זיך אריענ-טירט בכלל, אז קיין שפיאנען זיינען מיר ניט. ער האט אונדז גע-זאגט: - איר וועט פארן אין קאלכאז פארלויפיק, איידער מען וועט אייך מאבילייזירן אין דער ארמיי. איר וועט ארבעטן אין קאלכאז - האט ער געזאגט. אזוי זיינען מיר געווען אין קאלכאז.

ש: ווער איז דאס "מיר"?

ת: איך און לוריע און אבערס.

ש: 3 מענטשן?

ת: די איבעריקע טראשקונער וואס זיינען ארויס מיט אונדז צוזאמען האבן זיך ביים גרענעץ פארלארן. די וואס זיינען געבליבן האב איך ערשט געזען נאך דער קריג. אין 1946-טן יאר אין ווילנע האבן מיר זיך געטראפן: גלעזער, מיט קאנקוראוויטשן, מיט חיימוביטשן.

ש: ווו איז געווען חיימוביטש?

ת: חיימוביטש איז אויך געווען אין פארשיידענע ערטער, ער און א שוועסטער.

ש: ער איז געווען אין מיליטער אויך?

ת: ער איז נאך געווען א יונגער און מען האט אים נאך ניט געהאט מא-בילידירט אין מיליטער.

ש: האט ער נאך געדארפט זיין א קינד?

ת: א קינד, יע.

ש: 14 יאר איז ער געווען?

ת: יע, מער ניט.

ש: ווי לאנג זייט איר געווען דארטן אין קאלכאז?

ת: מיר זיינען געווען אין קאלכאז ביז ווינטער. מיר זיינען אנגעקו-מען אין קאלכאז אין אוגוסט, דעם 3-טן.

ש: אין 1941-טן יאר?

ת: אין 41-טן יאר.

ש: און וויפל צייט זייט איר געווען?

ת: מיר זיינען געווען א 4 מאנאט - מער ניט.

ש: אווגוסט, אקטאבער, נאוועמבער?

ת: יע, ס'איז געווארן קאלט, וואס אנצוטאן האבן מיר ניט געהאט, מיר זיינען פשוט געבאנגען נאקעט און בארוועס. מיר האבן געזאגט דעם פרעצידאטיעל קאלכאזאז - וואס וועט דא זיין מיט אונדז? זאגט ער: - יא, ריכטיק. עס וועט אייך זיין זייער שווער, דער ווינטער איז א שווערער און קיין קליידער האט איר ניט - קיין זאך ניט. דערנאך האבן מיר זיך דערוווסט אפילו, אז עס פלעגט אנקומען פאר די עווא-קואירטע, אבער מיר האבן דאס ניט געזען.

ש: וואס האט ער אייך געראטן?

ת: מיר זאלן פארן דארטן ווו עס איז קיין ווינטער ניטא, אין מיטל-אזיע, אין טאשקענט.

ש: דאס האט ער אייך געראטן?

ת: ער האט דאס געראטן, יע.

ש: אדער איר האט דאס פוין אליין געוווסט?

ת: ניין, מיר האבן קיין זאך ניט געוווסט.

ש: זיים איר געפארן?

ת: יע, געפארן. ס'איז דארטן געווען נאך א יידישע פאמיליע וואס איז אויך געווען עוואקואירט, פון ביעלארוסיע - דוכט זיך. מיר זיינען צוזאמען מיט זיי געפארן.

ש: ווו זיים איר אנגעקומען?

ת: מיר זיינען געפארן אויף פערגאנא, נאר ניט דערפארן. איינער א ייד האט אונדז אויך געזאגט: - וואס דארפט איר פארן אין פערגאנא? דאס איז שוין געווען אין קאזאכסטאן. דארטן איז דא א כלאפזאוואד - זאגט ער - אויף דער סטאנציע און עס איז דארטן דא נאך ליטווישע יידן. זיינען מיר אראפגעגאנגען. עס זיינען דארטן טאקע געווען ליטווישע יינגלעך, נאר ס'איז געווען א שרעקלעכער הונגער. מען האט ניט געהאט, ניט וואס צו עסן און ניט וואס אנצוטאן און געצאלט האט מען פאר דער ארבעט, לויט ווי עס זיינען געווען די פרייזן נאך אין די גוטע ציימן, בשעת מען האט געקענט קריגן א קילא ברויט פאר א רובל און דעמאלט האט שוין געהאלטן א קילא ברויט 100 רובל. ס'איז געווען אפילו פאלן וואס איך האב געגעסן אפילו די שמיך, וואס מען גיט די אקסן.

(חסיה) טאקובע.

- דאס איז ווידשינקעס פון סיטמעטשקעס.

ש: בקיצור: דאס איז ניט קיין גוטע זאך - איך פארשטיי.

ת: אין 1942-טן יאר, בשעת מיר זיינען דארטן אנגעקומען, אין אנפאנג 42-טן, געוויינטלעך האבן מיר זיך פארעגעסטרירט מיי אין מיעלטא-ווייעט און זיי אליין פלעגן שוין אפילו רעגיסטרירן אין וואיענקא-מאט. איך האב בעקראגן א פאוויעסטקע זיך צו יאווען אין וואיענקאמאט.

מען האט אונדז צוגענומען. ס'איז דארטן געווען א רעזערוו פאלק, א זשעניטענער פאלק. איך בין דאן פון הונגער פודס געפאלן פון די פיס, מען האט מיר געהאט אוועקגעשיקט אין באלניצע אויף א קאמיסיע און זיי האבן מיר געזאגט, אז מען וועט מיר אויפן פראנט ניט שיקן. מען האט מיר דארטן אויך געגעבן אויף א כלאפזאוואד.

ש: וואס איז דאס כלאפזאוואד?

ת: א פאבריק ווו מען רייניקט די וואטע. דאס איז שוין געווען, אזוי צו זאגן, אן ארבעטס באטאליאן.

ש: איר האט געלעבט פריוואט, אדער איר האט געלעבט אין א קאזארמע?

ת: אין א קאזארמע - פארשטייט זיך.

ש: און איר אלע פלעגט גיין ארבעטן אין דעם זאוואד?

ת: אין זאוואד פלעגט מען גיין ארבעטן.

ש: איר זייט געווען אנגעטאן אין מונדירן?

ת: יע אין די מונדירן, די סאלדאצקע בגדים וואס מיר האבן געהאט.

ש: איר האט זיך גערעכנט פאר וואיענע, אדער פאר ציווילע?

ת: עס איז שווער צו זאגן.

(חסיה) טרוד-ארמיא, טרודאוואיא ארמיא.

מען קען זאגן, אז דאס איז געווען וואיענע - פרייע.

ש: דאבראוואלצעס?

ת: דאבראוואלצעס, יע.

ש: זיי האבן געוווסט, אז איר זייט א ליטווישער?

ת: איך האב זיי אלעמאל געזאגט, אז מען פלעגט פרעגן.

ש: איר זייט געווען און די 2 חברים אייערע?

ת: יע.

ש: אינצווישן האט איר געהערט, אז עס איז געווען א ליטווישע דיוויזיע?

ת: ניין, מיר האבן דעמאלט קיין זאך ניט געהערט.

ש: ווי לאנג זייט איר געווען אין דעם טרוד-באטאליאן?

ת: א גענויען יאר.

ש: ביז 43?

ת: יע, ביז 43.

ש: און די גאנצע צייט האט איר גארניט געהערט, אז מען האט גענומען ליטווישע יידן אין דער ליטווישער דיוויזיע?

ת: צופעליק האבן מיר יע געהערט. די, מיינע ביידע חברים, האט מען ווידער געהאט מאבילידירט און מען האט זיי אוועקגעשיקט אין דער ליטווישער דיוויזיע אין 43-סטן יאר.

ש: זיי פלעגן זיך שרייבן מיט אייך?

ת: ניין, איך האב פון זיי קיינע נאכריכטן ניט געהאט. ס'איז געווען דעמאלט ניט רעגולער. אפשר האבן זיי יע געשריבן, נאר איך בין אויך ניט געזעסן אויף אן ארט.

ש: איר האט אויך געוואלט זיין אין דיוויזיע, אדער ניט?

ת: א וודאי האב איך געוואלט.

ש: פארוואס? דארטן איז געווען בעסער?

ת: מען האט געזאגט, אז דארטן איז בעסער א סך. איך האב זיך פשוט געבעטן, אז מען זאל מיר אוועקשיקן, נאר זיי האבן געזאגט, אז דערווייל איז דאס נאך ניט נויטיק; אז מען וועט דארפן וועט מען דיר רופן.

ש: ד. ה., אז קיינמאל איז ניט געקומען צו אייך א ליטווישער אופאל-נאמאטשע.

ת: א באפולמעכטיקטער?

ש: יע.

ת: ניין.

ש: ווי זייט איר ארויס פון דארטן?

ת: איך בין אריבערגעגאנגען אין אן אנדער ארט, פשוט. עס האט זיך גע-האט געבויט א צוקער-פאבריק אין יאנגעיול. איך האב געבעטן אונדזער אויפזעער און איך האב אים געזאגט, אז דא קען איך שוין פשוט ניט אויסהאלטן און דארטן וועט מיר זיין בעסער.

ש: איר האט געהונגערט?

ת: איך האב געהונגערט.

ש: די איבעריקע מענטשן דארטן, זיינען געווען היגע?

ת: מערטייל יע, פון די אוזבעקן.

ש: זיי האבן זיך אן עצה געגעבן?

ת: זיי האבן זיך אן עצה געגעבן, זיי פלעגן קריגן פון דערהיים שטיצע.

ש: איר האט גארניט געוווסט פון דער היים?

ת: פון דער היים, קיין זאך ניט.

ש: איר האט געוווסט, אז אין מאסקווע איז דא א ליטווישע רעגירונג?

ת: איך האב קיין זאך ניט געוווסט. איך בין דארטן געווען אין יאנבע-יול.

ש: ווי לאנג? אין צוקער-פאבריק?

ת: יע, אין צוקער-פאבריק.

ש: ווי לאנג זייט איר דארטן געווען?

ת: דארטן בין איך געווען ביז איך בין געפארן צוריק - בזזן 46-סטן יאר - ביז צו ענדע פון קריג.

ש: דאס איז אויך געווען א מיליטערישע אונטערנעמונג?

ת: ס'איז אויך געווען אונטערן אויפזיכט פון די מיליטערישע אנפירער.

ש: וואס הייסט? איר האט געהאט א בראן און ניט געדארפט גיין אויפן פראנט - ווער עס איז דארטן געווען?

ת: יע. די וואס זיינען דארטן געווען זיינען ניט געגאנגען אויפן פראנט.

ש: ד. ה., אז פאר אנדערע וואלט דאס גאר געווען א מעלה. עס זיינען געווען מענטשן וואס האבן זיך געריסן דארטן צו גיין.

ת: ווייסט אוים אזוי.

ש: איר האט ניט געשפירט, אז דארטן איז גוט?

ת: ס'איז זייער שלעכט געווען.

ש: אין צוקער-פאבריק איז אויך ניט געווען בעסער?

ת: ס'איז געווען עפוואס בעסער מיט דעם, ווייל דארטן פלעגט מען ברענגען די צוקער-רונקל. דאס פלעגן מיר באקן און עסן.

ש: צוקער אליין, פלעגט איר אויך קריגן?

ת: צוקער אליין פלעגן מיר אין די אויגן ניט זען, נאר אויף א ניט לעגאלן אופן פלעגט מען דאס ווי עס איז...

ש: איר פלעגט זיך אן עצה געבן...

ת: מען פלעגט זיך אן עצה געבן...

(חסיה) דארטן האט מען געדארפט קענען זיין א גנב, מען האט גע-
דארפט קענען גנבענען. איך בין דארטן אויך געווען אויפן צוקער-
פאבריק.

ש: אדרבה, דערציילט.

ת: (חסיה) איך געדענק ניט אלץ. איך געדענק נאר, ווי איך האב זיך
באקאנט מיט אים אויפן צוקער-פאבריק.

ש: וואס האט איר געטאן אויפן צוקער-פאבריק?

ת: (חסיה) איך בין געווען א נאטשאלניצע פון א גרויסע פאדסאבנאיע
כאזייסטווא אין א סקלאד. דארטן זיינען געווען באטעקעס מיט או-
גערקעס דארטן איז געווען באטעקעס מיט ווייןז דארטן זיינען גע-
ווען אלע גוטע זאכן.

ש: איר זייט אליין א ווילנער?

ת: (חסיה) איך בין פון לעבן ווילנע.

ש: איר זייט אויך געלאפן?

ת: (חסיה) איך בין שוין געלאפן אין 1939-טן יאר, ווען עס האט זיך
אנגעהויבן די מלחמה מיט פוילן . דאן בין איך אוועקגעגאנגען אין
רוסלאנד ווייטער און מיינע עלטערן מיט מיין משפחה זיינען אלע
אומגעקומען.

ש: דאן ווען מען האט צוגענומען די פאבריק "עלעקטריט"? ווען די ליט-
ווינער זיינען אריין אין ווילנע זייט איר אנטלאפן?

ת: (חסיה) ווען די ליטווינער זיינען אריין אין ווילנע בין איך ניט
אנטלאפן – איך בין אוועקגעפארן.

ש: צוזאמען מיט די סאוויעטן זייט איר אוועק?

ת: (חסיה) יע.

ש: זיי האבן אייך מיטגענומען?

ת: (חסיה) איך בין געפארן מיט זיי.

ש: זיי האבן אלעמען מיטגענומען?

ת: (חסיה) איך בין אוועקגעפארן. מען האט געקענט, מען האט זיך פאר-
ווערבירט און מען האט געקענט פארן.

ש: וואס הייסט ווערבירט? ווו האט איר זיך ווערבירט?

ת: (חסיה) איך בין געווען אין ווילנע און איך האב געהאט א חברה. די חברה איז געווען אין ווילנע און איך בין געווען אוועקגעפארן צו גאסט צו מיין ברודער.

ש: ווו איז געווען דער ברודער?

ת: (חסיה) אין דאלהינאוו.

ש: דאס איז געווען אין ביעלארוסיע?

ת: (חסיה) יע.

ש: זייט איר שוין פארבליבן דארטן?

ת: (חסיה) איך בין געווען צוגאסט און מיין חברה האט מיר געשריבן, אז די ווערבירט זיך. זי האט ניט וואס צוטאן דא, קיין ארבעט איז ניטא, קיין זאך ניט.

ש: אין ווילנע איז ניטא קיין ארבעט?

ת: (חסיה) עס איז ניט געווען. ווען עס איז געווען דער פויל איז ניט געווען קיין ארבעט. מיר האבן געארבעט אין א קאנפעטנע פאבריקע צוזאמען, איך מיט די חברה. אין ווילנע, ביי ווידעצקען. ווידעצקעס ברודער, דער פאבריקאנט ווו איך האב געארבעט ביי שאקאלאד, לעבט דא - דוכט זיך. יאסל ווידעצקי איז - דוכט זיך - זיינער א ברו-דער.

ש: קען זיין. אלנפאלס, איר זייט אוועק דעמאלט מיט די סאוויעטן און שוין געבליבן?

ת: (חסיה) איך האב זיך פארווערבירט און אונדז האט מען אוועקגעשיקט אין סטאלינגראדסקע אבלאסט, אפצעפלעמכאז.

ש: אין א קאלכאז?

ת: (חסיה) אין א פלעמכאז.

ש: וואס איז דאס? ס'איז א פאבריק?

ת: (חסיה) אפצעפלעמכאז - א פלעמכאז פון שעפסן.

ש: א סך יידן זיינען אוועק דעמאלט פון ווילנע?

ת: (חסיה) א סך זיינען אוועק, אבער איך בין מערניט געווען צוזאמען מיט דער חברה. עס זיינען געווען א סך, דער איז געפארן אהין, דער

איז געפארן אהער.

ש: אין מיליטער האט מען אויך גענומען דעמאלט פון די מענטשן וואס זיינען אוועקגעפארן?

ת: (חסיה) יע!

ש: איר האט געטראפן שפעטער אין מיליטער פון יענע חברה וואס האבן זיך ווערבירט?

ת: (חסיה) איך האב זיי קיינעם ניט געטראפן.

ש: אין 1939-טען יאר?

ת: (חסיה) איך האב קיינעם ניט געטראפן.

ש: איז, פונוואנען ווייסט איר?

ת: (חסיה) איך האב געהערט, פון הערן.

איך בין מיט דער חברה אוועקגעפארן אין סטאלינגראדסקע אבלאסט. איך בין דארטן געווען א יאר, צי א האלב יאר. דאס איז געווען אין 40-טען יאר. איך האב געזאגט דער חברה, אז איך וויל דא ניט זיין. ס'איז אומעטיק, איך וויל זיין אין א שטאט, איך וויל זיין צווישן מענטשן, איך וויל ניט זיין אין אן אוועפלעטמאז. נו, האב איך גענומען אפשייד און פון איר איך בין אוועקגעפארן אין נאלטשיק, אין קאווקאז. אין 41-טען יאר האט זיך אנגעפאנגען די מלחמה. ווען עס האט זיך אנגעפאנגען די מלחמה, בין איך געווען א יאר צייט. דעם יאר האב איך אויך געארבעט אין א פאבריק פון צוקערקעס אין נאלטשיק אין קאווקאז. באקשאנסטרוי - האט זיך אנגערופן די גאס.

ש: ווען זייט איר געקומען דארטן אין צוקער-פאבריק?

ת: (חסיה) דערנאך האט אונדז דער דירעקטאר געזאגט, אז עס גייט א כמארע אויף נאלטשיק. - ווער עס קען זיך ראטעווען, זאל זיך ראטעווען, איר זייט יידן - האט ער געזאגט. זאג איך: - יע, איך בין א יידישע. זאגט ער: - נו, גיב איך דיר דאקומענטן, דו קענסט פארן ווו דו ווילסט.

דאן בין איך אנגעקומען אין יאנגעיול, דא ווו ער איז געווען.

ש: וואס איז געווען יאנגעיול? דארט איז געווען א מיליטערישע פאבריק? איר זייט דאך ניט געווען מאבילעזירט?

ת: (חסיה) ניין.

ש: ווי האט מען אייך אנגענומען דארטן אין פאבריק?

ת: (חסיה) פשוט, צוליב אים, מיט פראטעקציע.

(שמואל) עס האט געפעלט ארבעטער.

ש: אבער די מענער זיינען געווען וואיענגע?

ת: (חסיה) זיי זיינען געווען וואיענגע.

ש: איר האט געקוקט אויף זיי ווי אויף סאלדאטן?

ת: (חסיה) זיי זיינען געגאנגען אין שמיצאווקעס אנגעטאן.

ש: אויפן היטל איז קיין זאך ניט געווען?

ת: (חסיה) ניין, ניין.

ש: און רימענס?

ת: (שמואל) ווער עס האט געהאט איז געגאנגען, אבער עס איז ניט גע-
וועזן קיין חוק.

ש: קיין מונדירן האבן זיי אייך ניט געגעבן?

ת: (שמואל) ניין. זיי האבן געגעבן שפעטער ~~אדזשאזבע~~. [illegible]

(חסיה) אין 43-סטן יאר בין איך אוועקגעפארן און מען האט מיר מא-
בילירט, מען האט מיר גענומען אין דער ארמיי, אין דער טרוד-
ארמיי.

ש: אייך האט מען גענומען?

ת: (חסיה) יע. מען האט מיר אוועקגעפירט אין קארקאוו. אקארשט האט
מען באפרייט הארקאוו פון די דייטשן. מען האט מיר אריינגעפירט
אין א פאבריקע פון כעמזע.

ש: וואס איז דאס כעמזע?

ת: (חסיה) כעמזע איז א וואיענגער זאוואד.

(שמואל) כעמזע איז, ווי עס ווייסט אויס, כעמיטשעסקי זאוואד.

ש: יע.

ת: (חסיה) איך האב דא די טרודאוואיא קניזשקא און ביי מיר איז אנגעשריבן,
מיטן פיעטשאט. איך בין געווען מאבילעזירט.

ש: עס שטייט אנגעשריבן, אז איר זייט פון ווילנע? אז איר זייט א
געבארענע אין ווילנע?

ת: (חסיה) אין ווילנע בין איך ניט קיין געבארענע, לעבן ווילנע.

ש: אבער אין ליטע?

ת: (חסיה) ניט ליטע. איך בין דאך פון פוילן, ווילנע איז דאך געווען פוילן.

ש: הויבט זיך אן א מעשה...

ת: (חסיה) ווילנע איז געווען פוילן. ווילנע, וווּ איך בין געבוירן געווארן איז אויך געווען פוילן. ער איז פון ליטע, איך בין ניט פון ליטע.

ש: ווילנע איז אויפן גרענעץ.

ת: (חסיה) אבער ס׳איז געווען פוילן.

ש: איצט: וואס איז געווען מיט אייער מאן? פארוואס האט מען אים ניט גענומען?

ת: (חסיה) ער איז קאנטוזשעט געווארן פון א באמבע.

ש: ווו?

ת: (חסיה) דא ווו ער האט אייך געזאגט.

ש: אין וויטעבסק?

ת: (חסיה) ווען ער איז ארויסגעגאנגען, יע.

ש: און דעריבער האט מען אים ניט גענומען.

ת: (חסיה) פארשטייט זיך. ער איז די גאנצע צייט א קאנטוזשעטער.

ש: זיי האבן אים אנערקענט?

ת: (חסיה) מען האט אים אנערקענט קאנטוזשען; מען האט אים אנערקענט מיט א יאזשווע.

ש: וואס איז א יאזשווע?

ת: (חסיה) אויפן מאגן. עס זיינען געווען ביי אים יאזשוועס, ניט איינע נאר צוויי. ער איז דאך א קראנקער מענטש און אים האט מען שוין דאן ניט גענומען, ניט געשטעפט.

ש: מען האט אים ניט גענומען אלס א קראנקן, אדער אלס א געראניעטן?

ת: (חסיה) אלס א קאנטוזשעטן.

ש: א קאנטוזשעטן פון קריג?

ת: (חסיה) קאנטוזשעט פון די באמבע ווי ער איז ארויס פון טראשקון.

ש: דאס וויל איך וויסן.

ת: (חסיה) ער איז בעגאנגען אויף די ווענט.

ש: דאס איז געווען אין וויטעבסק?

ת: (חסיה) יע, יע.

(שמואל) אין פאלאצק.

ש: אין פאלאצק איז דאס געווען?

ת: (חסיה) ווו עס האט אים פארשאפן.

ש: מען האט אים אנערקענט פאר א קריגס פארוואונדעטן, אדער סתם פאר א קראנקן?

ת: (חסיה) ווייל ער איז קאנטוזיעט געווארן.

ש: זיי, די מאכט?

ת: (חסיה) ווייס איך ניט.

(שמואל) אינוואליד טרודא.

(חסיה) ער האט דעם ביכעלע אויך. דעם רוסישן און דעם פוילישן ביכל.

ש: עס איז אינטערעסאנט צו זען.

ת: (חסיה) דאס איז פון כעמזע, דאס האט מען מיר ארויסגעגעבן פון כעמזע - די טרודאוואיא קניזשקא.

ש: פסח'אונא חסיה.

ת: (חסיה) חסיה פסח'אונא.

ש: חסיה פסח'אונא, קאנפיקעניצא.

ת: (חסיה) נו יע, איך זאג קיין ליגן ניט. ניט אלץ געדענק איך, ביי מיר איז דער פאמיעט אפגעשוואכט געווארן, מיין זיכרון איז אפגעשוואכט.

ש: ביי וועמען איז ער שטארק? - ביי קיינעם ניט שטארק.

דאס איז אייער דאקומענט: הער קאוונאוויטש, פאזשיטיעיימאט. קאוונאוויטש סאמואיל סלאמאוויטש, 9.9 פא אינוואלידנאסטי. אבער זיי שרייבן ניט פון וואס איר זייט אן אינוואליד. אז איר דארפט קריגן פענסיע.

ת: (חסיה) ער האט די צווייטע גרופע אינוואלידנאסט. ער האט נאך א

ביכעלע, דאס איז שוין דריטע ווען אים איז שוין געווען בעסער.

ש: מיר אינטערעסירט פארוואס מען האט אים ניט גענומען אין מיליטער.

ת: (שמואל) פארוואס האט מען מיר ניט גענומען?

ש: פארוואס האט מען אייך ניט גענומען אין מיליטער און מען האט אייך גענוצט דארטן? דאס האט זיך אויך גערעכנט, פאר א האלב-מיליטערשע?

ת: (שמואל)האלב-מיליטעריש. אזעלכע וואס זיינען ניט געווען פייאיק צו גיין אויפן פראנט, האט מען גענומען אין אן ארבעטס באטאליאן.

(חסיה) טרודאוואיא ארמיא.

ש: אין טרודאוואיא ארמיא האט איר אויך געדארפט קריגן א ביכעלע דארטן. איר האט געהאט א ביכל?

ת: (שמואל) איך האב געהאט א דאקומענט.

ש: אין טרודאוואיא ארמיא פלעגן זיי לעבן אין באראקעס.

ת: (שמואל) מען האט טאקע געלעבט אין א באראק.

ש: ס'איז געווען פאראנטווארטלעכע און עס איז געווען א מיליטערישע ארדענונג. ביי אייך איז אויך געווען א מיליטערישע ארדענונג?

ת: (שמואל) ס'איז געווען - אוודאי.

ש: איר פלעגט זיך אויסשטעלן אין א שורה און גיין צו דער ארבעט?

ת: (שמואל) צו דער ארבעט - אוודאי.

ש: ס'איז געווען א מיליטערישע ארדענונג?

ת: (שמואל) יע, א מיליטערישע ארדענונג.

ש: איר האט זיך גערעכנט אלס ארעסטירטע, אדער פרייע?

ת: (שמואל) ניט קיין ארעסטירטע.

ש: איר זייט ניט געווען אונטער א קאנוווי?

ת: (שמואל) ניין!

ש: אזויווי סאלדאטן?

ת: (שמואל) אזויווי וואלנע נאיאמנע.

(חסיה) דאס איז טרודאוואיע.

ש: אבער עסן האט איר געקראגן ווייניקער ווי סאלדאטן?

ת: (שמואל) ווייניקער.

(חסיה) מען פלעגט אים ארויסגעבן די קארטעטשקע, די ברויט קארטעטשקע.

ש: פונוואנען ווייסט איר?

ת: (חסיה) איך בין דאך שוין געווען מיט אים.

ש: איר האט אים שוין דעמאלט געקענט?

ת: (חסיה) מיר האבן זיך דאך שוין ביידע באקאנט, דאס איז געווען אין 43-סטן יאר. דערנאך בין איך אוועקגעפארן אין כארקאוו, מען האט מיר מאבילייזירט.

ש: איז ער געבליבן אליין דארטן, יע?

ת: (חסיה) יע. ער האט ניט געדארפט מער תחונה האבן – האט ער געזאגט. ער האט א געליבטע, שערמאנייקע. ער האט א מיידל וואס ער איז מיט איר די גאנצע צייט ארומגעגאנגען און זי איז א לערערקע.

ש: פריוואטע אנגעלעגנהייטן...

ת: (חסיה) דערציייל דאס, ווי עס איז געווען...

ש: ס'איז ניט קיין סודות, אבער...

דער עיקר, אז איר האט זיך שפעטער ווייטער צונויפגעטראפן נאכן קריג אין ווילנע – ווייסט אים?

ת: (חסיה) יע, אין 1946-סטן יאר.

ש: צוליב דעם האט מען גענומען אייערע חברים אין דער ליטווישער די-וויזיע און אייך האט מען ניט גענומען – צוליב דעם וואס איר זייט געווען קאנטוזשעט.

ת: שמואל) יע.

ש: דאס האט אויסגעפונען די מיליטערישע קאמיסיע?

ת: (שמואל) יע.

ש: ווו?

ת: (שמואל) דארטן גופא. פון צייט צו צייט פלעגט זיין א קאמיסיע און די וואס זיינען געווען פיזיש פלעגט מען זיי צונעמען אין די רייען פון דער סאוויעטישער ארמיי און מען פלעגט שיקן אויפן פראנט.

ש: אייך האט מען קיינמאל ניט געשיקט?

ת: (שמואל) מיר האבן זיי ניט געשיקט אויפן פראנט, ווייל זיי האבן געזאגט, אז לויט מיין געזונטצושטאנד קען מען מיר ניט נעמען.

ש: מען האט אייך קיינמאל ניט גענומען און איר האט זיך געבעטן - זאגט איר?

ת: (שמואל) איך האב זיך געבעטן פשוט.

ש: אפשר איז גלייכער, אז איר זייט ניט געפארן.

ת: (שמואל) ס'איז שווער צו זאגן אזעלכע זאכן, אפשר אזוי האט דאס געדארפט זיין.

ש: עס זיינען געווען נאך פון אייערע באקאנטע אין אזא פאל ווי איר פון וועלכע איר האט געהערט? נאך ליטווישע מענטשן?

ת: (שמואל) פון מיינע באקאנטע?

ש: יע.

ת: (שמואל) ניין, מיר דוכט אז איך האב פון אזעלכע ניט געהערט, ווייל מערסטנטייל זיינען זיי געווען יונגע, די וואס זיינען ארויס צו-זאמען מיט מיר.

ש: אבער עס זיינען דאך געווען יונגע מענטשן, וואס אויפן וועג זיי-נען זיי קראנק געווארן?

ת: (שמואל) דער בערל גלעזער איז אויך געווען אין אזא פלאץ, נאר ער איז ניט געווען צוזאמען מיט מיר. ער איז געווען אין די זעל-בע לאגע, מען האט אים אויפן פראנט ניט געשיקט און ער האט דורכ-געמאכט די יארן פון קריג - נאר ניט ווו איך בין געווען - נאר אין סיביר. דער ארט ווו בערל גלעזער איז געווען האט געהייסן...

ש: גוט, אין א געוויסן ארט אין סיביר.

ת: (חסיה) ס'איז אפגעשוואכט דער זיכרון.

ש: מען מוז ניט געדענקען אלצדינג.

ת: (חסיה) וויפל מען האט דורכגעלעבט...

ש: ס'איז גענוג, אז מען געדענקט זיך אליין...
ווי האט מען אייך דעמאבילעזירט?

ת: (שמואל) דעמאבילעזירט פשוט.

ש: ווען איז דאס געווען?

ת: (חסיה) דאס איז שוין געווען נאכן קריג.

ש: עס איז שוין געווען שלום?

ת: (שמואל) יע.

ש: נאכן 8-טן מאי?

ת: (שמואל) יע, יע.

(חסיה) ווען מען האט קאפיטולירט.

ש: ווי איז דאס געווען?

ת: (שמואל) מען האט מיר געמאלדן, אז איך קען פארן אפילו צוריק אויב איך וויל.

(חסיה) און אויב ער וויל קען ער איבערבלייבן.

(שמואל) נאכמער, דער דירעקטאר פון דער פאבריק האט מיר געזאגט, אז איך זאל בלייבן, מען וועט מיר געבן בעסערע באדינגונגען. ווי - זאגט ער - וועסטו פארן? עס איז דארטן ניטא ווו צו פארן, ס'איז חרוב אלצדינג דארטן ווו די דייטשן זיינען געווען.

ש: אונטערדעסן האט איר געהערט וואס וועגן ליטע?

ת: (שמואל) עס זיינען שוין דערגאנגען קלאנגען, אז עס זיינען דורכגעפירט געווארן שרעקלעכע פאגראמען, דארטן ווו די דייטשן זיינען געווען. מיר האבן ניט געהאט קיין אנונג אויף אזויפיל, נאר ס'איז געווען אפילו אין ציטונג, אז דארטן ווו די דייטשן זיינען געווען האט מען...

ש: ספעציעל וועגן ליטע האט איר געלייענט אין ציטונג אמאל?

ת: (שמואל) איינמאל איז געווען וועגן ליטע אין א דארטיקע ציטונג.

ש: ליטווישע ציטונגען פלעגן ניט קומען צו אייך? "טאריבו ליעטווווא"?

ת: (שמואל) ניין. דארטן זיינען געווען פוילישע יינגלעך און זיי פלעגן יא קריגן פוילישע ציטונגען: "נאווע ווידנאקרענגי", "נאש פשעגלאנד". זיי פלעגן טאקע קריגן.

ש: די פוילישע?

ת: (שמואל) יע, די פוילישע.

ש: פון "דזשאינט", פון וואנען?

ת: (שמואל) קענטיק.

(חסיה) פון "דזשאינט".

ש: פון ז. פ. פ.?

ת: (שמואל) פון ז. פ. פ., יע. זוויאנזעק פאלסקיך פאטריאטוו.

(חסיה) איך האב אויך געקראגן בימלבעווייס.

ש: איר האט ניט געקראגן, פון קיינעם ניט?

ת: (שמואל) איך האב ניט געקראגן.

ש: אבער איר האט ניט געוווסט, אז ס׳איז געוועז?

ת: (שמואל) ענטשולדיקט, עס איז יע געוועז. עס איז געוועז א ליטווי-שע... דער נאמען זיינער איז געוועז... איך געדענק שוין ניט. ס׳איז געוועז א פארשטייער און ער האט געגעבן א פאר מאל, איך האב פון אים געקראגן.

ש: קוטשינסקאס?

ת: (שמואל) ניין, עס דוכט זיך מיר, אז אן אנדער נאמען. א ייד איז ער געוועז.

ש: טובאס - טוב.

ת: (שמואל) ניין.

ש: ברל ~~לאבוס~~ [illegible], פרידמאנאס?

ת: (שמואל) דוכט זיך אזוי, פרידמאן איז געוועז.

(חסיה) איך געדענק, אז ער איז געפארן אין טאשקענט נעמען סחורה און ער האט ניט געהאט קיין געלט אויף א בילעט צוריקצופארן אין פאבריק.

ש: ווי האט געהייסן דער ארט?

ת: יאנגעיול.

(חסיה) האב איך אים געזאגט: - וואס דארפסטו א בילעט? דו וועסט גיין תארטן אויף א בילעט וועסטו קיינמאל ניט קומען אין פאבריק. לאמיר זיך זעצן אויפן פאדלאנזשעק פון דעם וואגאן און מיר וועלן קומען אהיים.

ש: איר זייט געפארן צוזאמען מיט אים?

ת: (חסיה) יע.

ש: ד. ה., אז די ליטווישע רעגירונג האט שוין אייך אויסגעפונען?

ת: (שמואל) יע, די ליטווישע רעגירונג האט שוין אונדז אויסגעפונען.

ש: זיי האן אייך געהאלפן א ביסל?

ת: זיי האבן געהאלפן א ביסל.

ש: עס איז עפעס געווען ווערט דאס וואס זיי האבן אייך געגעבן?

ת: (חסיה) יע.

(שמואל) עס איז געווען ווייסברויט. מיר האבן דאס אלץ פארקויפט - פארשטייט זיך. איך האב דאס ניט אויסגענוצט פאר זיך, כדי צו קענען קויפן א שטיקל ברויט.

ש: ווו איז געווען יאנגעיול?

ת: (שמואל) דאס איז 30 ק"מ פון טאשקענט. אויפן וועג טאשקענט - סא-מארקאנט.

ש: טאשקענט איז דאך געווען פול מיט יידן, דאס האט איר געוווסט?

ת: (שמואל) איך האב כמעט ווי קיינעם ניט געזען.

ש: און דאס, אז עס זיינען געווען פריוטן פון יידישע קינדער פון ליטע ארום, פון דעם האט איר געהערט?

ת: (שמואל) ניין, דאס האב איך ערשט געהערט קומענדיק אין ווילנע. (חסיה) אין 46-טן יאר.

ש: איר האט זיך גערעכנט אלס א געוועזענער סאלדאט?

ת: (שמואל) אלס א געוועזענער סאלדאט - פארשטייט זיך.

ש: וויאזוי?

ת: (שמואל) א דעמאבילידירטער סאלדאט, הייסט עס.

ש: די ליטווינער האבן אייך אנערקענט?

ת: (שמואל) ווען?

ש: נאכן קריג?

ת: (שמואל) נאכן קריג בין איך געווען א מענטש וואס איז געווען אין דער ארמיי.

ש: איר האט געהאט זכויות, פריווילעגיעס, וואס האט געהאט א מענטש וואס איז געווען, למשל, אין דער ליטווישער דיוויזיע, אדער אין אן אנדער רוסישן טייל?

ת: (שמואל) ניין, דאס האב איך ניט געהאט.

ש: פענסיע, פאר די ווונדן - דוכט זיך מיר?

ת: (שמואל) ניין. איך בין אנערקענט געווארן דורך א קאמיסיע אלס

אינוואליד.פון אנפאנג צווייטע גרופע און דערנאך די דריטע.

ש: דאס וואס איר האט מיר געוויזן דעם ביכעלע?

ת: (שמואל) יע.

ש: מעדאלן פלעגט מען קריגן ביי אייך?

ת: (שמואל) מעדאלן זיינען געווען.

(חסיה) סטאכאנאוצי.

(שמואל) בכלל האבן זיי מערסטנטייל אויסגעמיטן. יידן, אפילו די וואס זיינען ווערט געווען, האבן ניט בעקראגן.

ש: ס'איז געווען א סך יידן?

ת: (שמואל) עס זיינען דארטן געווען היבשע יידן: פון פוילן, פון בעסאראביע, פון בוקאווינע.

ש: וויפל פראצענט איז געווען יידן? א העלפט, אדער א דריטל?

ת: (שמואל) א דריטל קען געוויס זיין אז עס איז געווען.

ש: קען זיין אפילו א דריטל. דאס זיינען געווען מערסטנטייל מענטשן וואס זיינען געווען קראנקע?

ת: (שמואל) יע, מערסטנטייל. פון די פוילישע זיינען געווען אפילו ניט קיין קראנקע אויך, ווייל פוילישע האט מען ניט געוואלט נע-מען. די פוילישע וואס זיינען געווען זיינען אוועק, עס זיינען געווען טאלן וואס מען פלעגט זיי מאבילייזירן אין די טיילן פון דער רוסישער ארמיי.

ש: וואס פלעגן זיי וועלן בעסער, די פוילישע יידן?

ת: (שמואל) די פוילישע יידן האבן געוואלט בעסער זיין אויפן פאבריק, איידער גיין אין מיליטער.

ש: זיי האבן זיך בעסער איינגעארדנט פון אייך?

ת: (שמואל) זיי האבן זיך בעסער איינגעארדנט.

ש: דאס פארשטיי איך. ליטווישע יידן איז שווער זיך אזוי צו דרייען.

ת: (חסיה) ער האט ~~אפילו~~ קיין קאם צוקער אפילו פאר זיך ניט געקענט נעמען פון פאבריק און איך פלעג ארויסטראגן גאנצע זעקלעך.

ש: ווער גלייכט זיך צו די ווילנער חברה?...

ת: (חסיה) ~~[illegible]~~ ווילנע האט זיך ארומ-געבויט זייער שיין.

ש: ווי לאנג ווי איר זייט געקומען דא?

ת: (חסיה) 6 יאר זיינען מיר דא.

ש: ס'איז שוין אלס, דאס ווייס מען.

ת: (חסיה) אבער ווי מיר האבן געזען אין ווילנע איז געווען זייער שיין.

ש: וואס הייסט?

ת: (חסיה) א שאדן, א שאדן וואס מען האט ווילנע געלאזן...

ש: וואס הייסט מען האט געלאזן?

ת: (חסיה) א שאדן וואס מען האט פארלאזן ווילנע?

ש: ווער האט פארלאזן?

ת: (חסיה) איצטער, וואס מיר זיינען געקומען פון ווילנע.

ש: 6 יאר?

ת: (חסיה) 6 יאר, אבער מען קען ניט פארגעסן. איר וועט ווילנע צוג-לייכן צו עיר גנים?! מיט אונדזערע שכנים וואס מיר האבן דא. (שמואל) מען קען ניט פארגעסן די צרות.

ש: וועלכע צרות?

ת: (שמואל) וואס מען האט געהאט.

ש: דארטן?

ת: (שמואל) די דאגט, אז מען קען ניט פארגעסן.

ש: איר האט געהאט צרות אויך?

ת: (חסיה) ווייניק צרות האט מען געהאט? אז איך בין געקומען און איך האב מיין גאנצע הויז-געזינט ניט געפונען? קיין איינער איז געב-ליבן פון א גרויסער משפחה. קיין איינער ניט, איך בין געבליבן איינע פון א גרויסע משפחה.

ש: אבער איר זייט דאך געזעסן בכל זאת, נאכדעם, 10 יאר ווייניקסטנס.

ת: (שמואל) 12 יאר.

ש: 12 יאר זייט איר געזעסן דארטן?

ת: יע.

ש: ווי איז געווען די 12 יאר?

ת: (חסיה) איך וועל אייך זאגן: עס וואלט געווען אלץ גוט ווען אים

וואלט מען צוגענומען פאר א געליטענעם, דא ביי אונדזערע אייגענע יידן. ער ארבעט 13 טעג אין מאנאט.

ש: יע...

ת: (חסיה) פארוואס ניט?

ש: דאס האט ניט צו דעם. העלפן קען דאס ניט דא, ווייל די אוניווער־סיטעט האט ניט צוטאן מיט דעם.

ת: (חסיה) מיר וואלטן געווען גליקלעך אין אונדזער אייגענער לאנד. דאס איז אזוי, איך קען זאגן דעם אמת.

ש: דאס קענט איר מיר זאגן פריוואט, נאכדעם. מיט דעם האט דאס ניט צוטאן.

ש: פון אייער שטעטל, פון טראשקון, זיינען געווען חברה וואס האבן גענומען נקמה פון די ליטווינער דארטן?

ת: (שמואל) עס זיינען געווען אזעלכע וואס נאכדעם ווי מען האט די דייטשן ארויסגעטריבן, אין 44-טטן יאר - דוכט זיך.

ש: יע.

ת: (שמואל) פיל אזעלכע פון די ליטווינער וואס האבן מיטגעארבעט צו־זאמען מיט די דייטשן זיינען אוועק אין וואלד.

ש: די גרינע?

ת: (שמואל) עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבן... זיי זיינען מיט־געגאנגען מיט די דייטשן און אזעלכע וואס האבן צוליב פארשיידענע סיבות, זיי האבן זיך ניט געוואלט צעשיידן מסתמא מיט די משפחות אדער זיי האבן געהאלטן, אז דאס איז טערניט ווי א צייטווייליקע זאך וואס די סאוויעטישע ארמיי איז געקומען, זיינען זיי אוועק אין וואלד. עס איז געווען אזא באפעל נאכדעם, לעגאליזאציע האט דאס געהייסן, אז די וואס וועלן ארויסגיין פון וואלד...

ש: רעהאביליטאציע?

ת: (שמואל) רעהאביליטאציע, לעגאליזאציע - אזוי האט זיך דאס גערופן.

ש: חנינה, הייסט עס.

ת: (שמואל) אז זיי וועלן קומען אליין, פרייוויליק, וועט מען זיי מיט קיין זאך ניט באשטראפן און זיי וועלן זיך קענען פארנעמען

מיט ארבעט און מיט וואס זיי וועלן וועלן. איינעם אזא האט מיין חבר, קאנקוראוויטש, געטראפן אין פאסט-אמט אין ווילנע - ער האט אים דערזען. ער איז גלייך אוועק צו א דערבאַיִיקן מיליציאנער און ער האט אים געמאלדן, אז דער איז געווען אין וואלד און אז ער האט אנטיילגענומען אין די יידן-שחיטות. נאר ער האט אים געוויזן א דאקומענט, אז ער איז לעגאליזירט און מען האט אים קיין זאך ניט געטאן.

ש: פארן קריג זיינען געקומען א סך יידן פון אייער שטעטל דא?

ת: (שמואל) יע. עס איז געווען חלוצים גאנץ היפש.

ש: א טייל פון זיי זיינען אנגעקומען דא?

ת: (שמואל) יע. זיי זיינען דא דא, נאך איצטער אויך. איינע איז אפילו דא וואס זי איז נאכן קריג גלייך, דורך פוילן, אנגעקומען אהער.

ש: ווער איז דאס?

ת: (שמואל) א מיידל, די פאמיליע איז וואסקאוויניק.

ש: נחמה?

ת: (שמואל) נחמה, יע.

ש: ירחמיאל׳קע איז אויך פון אייער שטעטל?

ת: (שמואל) ירחמיאל׳קע איז אירער א ברודער.

ש: יע.

ת: (שמואל) ער איז אומגעקומען.

ש: אין קאוונער געטא. - גוט, מיר האבן זיך דעררעדט. איר האט פריער געוואלט נאך וואס דערציילן, מיר האבן נאך עטלעכע מינוט.

ת: (חסיה) איך וויל ניט דערציילן, זאל ער אייך דערציילן.

ש: וועגן יענע זאכן וואס איר האט בעוואלט פריער דערציילן, אז איר זייט אוועקגעפארן און ער איז געבליבן.

ת: (חסיה) דאס איז שוין ניט וויכטיק.

ש: תודה רבה.

ת: (שמואל) איך דאנק פארן איבערשרייבן און פאר אייער מי וואס איר האט זיך געגעבן דאס אויסצוהערן.

תאריך . . . . ס ו ף ח ת י מ ה: . . .